Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

18


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 18

איז מען אין דר׳היים בא זיך. געקומען מ׳איז אהער
דעם קויעך פארפרווונ גרייט און פארטיק;
עלקאָנע קומט צו לויפן אין קאריער
מיט שטיינהעקער זיך זען אין אומבײַט פון די וואכטעס.

נאָר ס׳ציִען אים אוועק די מיידלעך באם בעטאָן:
דעם יונג געפעלט, וואָס הענט זײַנען בא זיי געזונטע;
ער פלעגט זיי אמאָל זען אין לענטעס בלענדיק אָנגעטאָן
אפ קארוסעלן רוישיקע אום זונטיק.

און אז עס גיט א קלונג דער מיידלשער געלעכטער,
פארגלעקלט ער מיט קלאנג דעם ראש פון דניעפּ,
און היים אין קאָפּ עלקאָנען אזוי ווערט דאָרט,
און איינע גיט ער קלוימערשט א פארטשעפּ.

אז וויפל ראש ס'איז ניט פאראַן אין דניעפּ,
איז צען מאָל מער פאראַן בא זיי געלעכטער;
— אַך, מיידן, מיידן, האָבן דאַרף מען צו אײַך זיבן קעפּ
און זיבן מאָל אַזויפיל הערצער! —

ווען מיידלעך רווישיקע אין הויזן ער דערזעט,
ווען ער דערשמעקט דאָס לײַב דאָס מיידלשע, צעבליטע,
וואָס שפּאַרט פון אונטער שטײַף־פאַרצויגענעם ברעזענט,
פאַרווילט זיך שרײַען אים, פאַרווילט זיך אים אַ פלי טאָן.

און ס'ווילט זיך אַזוי זײַן געטרײַ,
און ס'ווילט זיך צולויפן צו אַלע —
זיך אָנטרינקען פון אָט דעם אײַנגעצוימטן פרישן לײַב,
זיך אָנטרינקען ביז אומפאַל, ביז צום פאַלן —

און ס'ווערט אים ליכטיק, הייס און העל,
מיט היץ פאַרגיסן זיך די ברעמען —
— אײַ! איז עס אַ זיסע וועלט,
דער טײַוול זאָל זי נעמען! —

ער אַרבעט גיך. ער יאָגט דעם טאָג,
עס זאָל דער טאָג אַוועקגיין גיכער;
און געבן זאָל ער זיך אַ טראָג
אַ ריס אין אָוונט ווי אַ וויכער.

און זײַן די מידקײַט זאָל אים זיס,
די פינצטער זײַן זאָל דרײַ מאָל ליכטיק;

די ארבעט גייט מיט פלײַס און פליס,
און ניט קיין רעגע ער פארלירט דאָרט.

נאָר ס׳גיט דער שטאָלץ אים א צעטראָג,
און ס׳גיט א בלאָנדזש אין אים דער אייפער:
אז מיידלעך שטייען באַם בעטאָן
איז קלאָר, אז ער וועט מאכן דרײַפאכ!

עס קומט די נאכט. זי טוט אים אָן,
זי טוט אים אויס — ער איז אליין נאָך...
ער גייט ארויס און גיט א מאָן,
אז עס צעקלינגען זיך די ביינער.

עס קומט די נאכט און — א פארמעק
די לעצטע שאָטנס די פארלאָזטע;
ער גייט ארויס און גיט א שמעק:
עס שמעקט, דער טײַוול ווייסט מיט וואָס דאָרט...

עס קומט די נאכט. דאָס הארץ פארזידט,
און עפּעס כאָלעמט זיך און דאכט זיך;
ער גייט ארויס און גיט א צי
די גאנצע נאכט צו זיך אין הארצן.

אָט איז ער דאָ און איז ניטאָ
און באלד לעם איינער דאָרט א שטעל זיך:
— איר ארבעט דאָ? בא דעם בעטאָן?
און איך — באַם אופרײַסן די פעלדזן!

כ׳קאָנ אופרייַסנ די גאנצע שטאָט,
איכ קאָנ די זאכ, כ׳האָב עס געלערנט;
ס׳איז גאָרניט, דעמ פאטראָנ פארשטאָפט
אונ א קאָמאנדע: ארטילעריע! —

נאָר אז ער ציט א״ר אויס די האנט,
איז זאָגט ער דאָכ מיט שטאָלצ אינ הארצנ:
— בא אונדז איז אויסגעפילט דער פלאנ —
האָ-האָ — אפ גאנצע הונדערט אכצנ! —

---

אונ אפנ צווייטנ אפדערנאכט
האָט ער זיכ צוויי מאָל אייַנגעוואשנ —
געוווּסט שוינ אלצ, וואָס ער באדארפ,
אונ ס׳האָט אינ קאָפ געקלונגענ: גראשא!

ער האָט מיט גוואלט דערשלעפט די נאכט
אונ שטיל געלאָזט זיכ ווי א שפארבער;
זי גייט פונ טייַכ. ס׳איז זייגער אכט.
ער ווייסט — דעמ וועג האָט ער צעשפארט דאָ —

אז גאָר ניט ווייַט באמ סאמע טראקט
האָט זי מיט כאווערטעס צוזאמענ
א מיידלש בעט אינ א באראק
אונ אינ דער היימ — אנ אלטע מאמע.

פונ אונטער ציצענעמ בערעט
אזעלכע פאסמעס האָר זיכ קלאָרנ;

און א קאָמיוגישער בילעט,
און נײַנצנ בליאסקעדיקע יאָרנ...

אז אלצ איז אפ איר אויסגעטאָקט,
אז אלצ מיט אזא כיינ באגיסט דיכ —
דאָס שפּילעוודיקע ג. ט. אָ.
אפ אירע שפּארנדיקע בריסטנ.

די אויגנ — העל, די אויגנ — ריינ,
און אינ די האָר — א בלויע לענטע;
און אפ דער זײַט — אינ יונגנ כיינ —
דער קאָפּ מיט האָזע אָנגעלענט איז.

איז אפנ צווייטנ אפדערנאכט
פּונקט ווי א שפּארבער — אָנגעגרייט דאָרט, —
איז ער געשטאנענ און געווארט,
אז שיסנ גיינ זיי זאָלנביידע.

א רויע בענקשאפט האָט געשפּארט,
און אזא אומגעדולד א זיסער;
און ס'האָט די דניעפּערישע נאכט
אפ שטיקער פײַער זיכ געריסנ.

און יעדנ ווינט געלאָזט אפ פרייד
האָט די פאנאנדערוויגטע געגנט,
מיט אויגנ טויזנטער באגלייט,
מיט אויגנ טויזנטער באגעגנט.

די הרעבליע האָט זיכ הויכ געוויגט,
געגאנ נאָכ וואכטע איז א וואכטע;
ס'האָט גלאשא אויסגעפוצט די ביקס,
אונ ס'האָט עלקאָנע זיכ דערוואַרט דאָרט...